## קאַפּיטל אַכט

1 (א) און ישוע איז אַוועקגעגאַנגען צום הר הזיתים.
2 און אינדערפֿרי איז ער ווידער געקומען אין
בית המקדש אַריין, און דער גאַנצער עולם איז
געקומען צו אים; און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט,
3 און זיי געלערנט. און די סופֿרים און די פּרושים
האָבן געבראַכט אַ פֿרוי, וואָס מען האָט זי געכאַפּט
אין דער מעשה פֿון זנות; און אַנידערשטעלנדיק
4 זי אין דער מיט, האָבן זיי צו אים געזאָגט: רבי,
די דאָזיקע פֿרוי איז געכאַפּט געוואָרן אין זנות,
5 בשעת מעשה. און אין דער תורה האָט אונדז משה
(רבינו) געבאָטן, אַזעלכע (פֿרויען) צו שטייניקן;
6 וואָס זשע זאָגסטו? און דאָס דאָזיקע האָבן
זיי געזאָגט, אויספּרואוונדיק אים, כּדי זיי זאָלן
האָבן עפּעס, אים אָנצוקלאָגן. ישוע אָבער האָט
זיך אַראָפּגעבויגן, און געשריבן מיטן פֿינגער אויף
7 דער ערד. און ווי זיי האָבן אָנגעהאַלטן מיט
זייער פֿרעגן אים, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט, און
צו זיי געזאָגט: דער פֿון אייך, וואָס איז אָן אַ חטא,
זאָל זיין דער ערשטער צו וואַרפֿן אויף איר אַ
8 שטיין. און ווידער האָט ער זיך איינגעבויגן און
9 געשריבן אויף דער ערד. ווי אָבער זיי האָבן דאָס
געהערט, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען איינער נאָכן
אַנדערן, אָנהייבנדיק פֿון די זקנים ביז צו די
לעצטע; און ישוע איז איבערגעבליבן איינער
10 אַליין, און די פֿרוי שטייענדיק אין דער מיט. און
ישוע האָט זיך אויפֿגעשטעלט, און צו איר געזאָגט:
אשה, וואו זענען זיי, דייַנע באַשולדיקער? האָט דיך
11 קיינער נישט פֿאַרמשפּט? האָט זי געזאָגט: קיינער